# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

שופטים

מכון באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA)
Wholesale@BeerEmunah.com

*באקומט די גליונות וועכענטלעך אין אייער אימעיל בחינם*

## זיך איינצושרייבן

*לשה"ק*
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

מכון באר האמונה

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת שופטים

קבל בתמימות - נישט שטענדיג ווען מ'טרעט אויף דיר איז עס אַ שלעכטע זאַך.. ד
היום למלחמה - די שמחה אין הימל ווען אַ איד האַלט מלחמה מיט'ן יצר הרע..יא
קול דודי דופק - די יעצטיגע טעג זענען פיל מיט אהבה און נאָנקייט צום בוכ"ע..יח

### ספה"ק בת עין

**וְכָתַב לוֹ אֶת מִשְׁנֵה הַתּוֹרָה הַזֹּאת וְגוֹ'.** ער זאל פאר זיך שרייבן די דאפעלטע פון די דאזיגע תורה (א עקסטערע ספר תורה) וגו'. **וְהָיְתָה עִמּוֹ וְקָרָא בוֹ כָּל יְמֵי חַיָּיו וְגוֹ'.** און זי (די תורה) זאל זיין מיט אים און ער זאל ליינען אין אים אלע טעג פון זיין לעבן.

**וְשָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הָרַב הַקָּדוֹשׁ ר' זְאֵב זַצַ"ל שֶׁדִּקְדֵּק בְּמִלַּת 'בּוֹ'** און איך האב געהערט אין נאמען פון הרה"ק ר' זאב וואלף פון ז'בארז זצ"ל וואס האט מדייק געווען פארוואס די תורה זאגט די לשון 'בו' – אין אים. **שֶׁבִּתְחִלָּה נִקְרֵאת בִּלְשׁוֹן נְקֵבָה וְאָמַר 'הַזֹּאת' 'וְהָיְתָה'** ווייל פון אנפאנג רופט די פסוק אן די 'תורה' מיט א לשון נקבה און נוצט די לשון 'הזאת' און 'והיתה', **לְשׁוֹן נְקֵבָה** א לשון נקבה, **וְאַחַר כָּךְ אָמַר 'בּוֹ' לְשׁוֹן זָכָר** און נאכדעם באציהט זיך די פסוק צו די תורה מיט די לשון בּוֹ – 'אין אים', א לשון זכר.

**וְתֵירֵץ** און ער האט געענטפערט, **שֶׁדִּיבְּרָה הַתּוֹרָה בְּמִי שֶׁהִזְדַּכֵּךְ כָּל הָאֵיבָרִים שֶׁלּוֹ וְנִתְפַּשֵּׁט מִגַּשְׁמִיּוּת** אז די תורה רעדט פון איינעם וואס האט אויסגעארבעט אלע זיינע אברים און איז אויסגעטאהן פון גשמיות. **הַיְינוּ שֶׁבְּכָל מַעֲשָׂיו וְדִיבּוּרָיו וּמַחְשְׁבוֹתָיו אֵין לוֹ שׁוּם כַּוָּונָה לְגַרְמֵיהּ כְּלָל** ד"מ אז אלע זיינע מעשים וואס ער טוט און ער רעדט און ער טראכט האט ער נישט דערביי קיין שום כוונה פאר זיך, **רַק לְשֵׁם ה'** נאר ער טוט אלעס פארן באשעפער'ס וועגן, **לְיַיחֵד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ** צו פאראייניגן 'קודשא בריך הוא' און די 'שכינה', **כִּי נִתְפַּשֵּׁט מִגַּשְׁמִיּוּת וְאֵינוֹ מִתְאַוֶּה לְגוּפָנִיּוּת כְּלָל** ווייל ער איז אויסגעטאהן פון גשמיות און ער גלוסט נישט צו קיין שום פיזישע גלוסטונגען אינגאנצן. **לָכֵן בְּאִישׁ כָּזֶה כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ שׁוּם מַחֲשָׁבָה וְתַאֲוָה לְשׁוּם דָּבָר לַעֲשׂוֹתוֹ** און פארדעם אזא מענטש ווען ער האט א מחשבה און א גלוסטונג צו טאהן עפעס א זאך, **בְּוַדַּאי יָכוֹל לִסְמוֹךְ עַל זֶה הַמַּחְשָׁבָה וְהַתַּאֲוָה לַעֲשׂוֹת** קען ער זיך פארזיכער פארלאזן אויף זיין מחשבה און גלוסטונג עס צו טאהן, **כִּי בְּוַדַּאי אֵין זֶה לְשׁוּם בְּחִינַת גַּשְׁמִיּוּת** ווייל פאר זיכער האט ער נישט די מחשבה פאר גשמיות'דיגער בחינה, **כִּי אִם לַה'** נאר פארן באשעפער'ס וועגן.

**וְזֶהוּ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב 'וְהָיְתָה עִמּוֹ'** און דאס איז וואס די פסוק זאגט 'און ס'זאל זיין מיט אים'. **רָצָה לוֹמַר שֶׁהַתּוֹרָה תִּהְיֶה דְּבֵקָה עִמּוֹ מֵרוֹב הִתְפַּשְּׁטוּת הַגַּשְׁמִיּוּת** די פסוק מיינט צו זאגן אז דורך זיין עבודה פון זיין אויסגעטאהן פון גשמיות איז די תורה ממילא באהאפטן אין אים, **כִּי אוֹרַיְיתָא וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַד** (זוה"ק ח"ג עג.) ווייל די תורה און דער באשעפער איז איינס. **אָז 'וְקָרָא בוֹ'** און דעמאלסט זאגט די פסוק 'און ער זאל ליינען אין אים', **רָצָה לוֹמַר בּוֹ בְּעַצְמוֹ** ד"מ צו זאגן ער זאל ליינען אין זיך אליין, **הַיְינוּ שֶׁיָּכוֹל לִסְמוֹךְ עַל מַחְשַׁבְתּוֹ כַּנַּ"ל** ד"מ אזוי ווי אויבענדערמאנט אז ער קען זיך פארלאזן אויף זיין מחשבה וואס ער טראכט אז ס'איז פאר זיכער לשם שמים, **עַד כָּאן דְּבָרָיו** ביז דא איז זיינע ווערטער, **וְדִבְרֵי פִּי חָכָם חֵן** און די ווערטער פון א חכם האבן א חן.

(פרשת שפטים, ד"ה וכתב לו)

תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: א.י.ש. אשדוד

# שופטים

**קבל בתמימות - נישט שטענדיג ווען מ'טרעפט אויף דיר איז עס אַ שלעכטע זאַך**

**אין** דער היינטיגער פרשה (יח, יג) לייענען מיר: תמים תהיה עם ה' אלוקיך[א]. זאָגט רש"י, 'התהלך עמו בתמימות ותצפה לו, ולא תחקור אחר העתידות, אלא כל מה שיבוא עליך קבל בתמימות, ואז תהיה עמו ולחלקו'.

**שרייבט** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע ('שם עולם', שער שמירת השבת, פ"ג בהגה"ה), אז וויבאַלד דער מענטש האָט

---

**א.** דער 'בעל הטורים' זאָגט אַ טעם פאַרוואָס דער אות ת' אינעם וואָרט 'תמים' איז גרויס, כדי מרמז צו זיין אַז **אויב דער מענטש פירט זיך מיט תמימות, ווערט דאָס גערעכנט אַזוי ווי ער האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה פון א' ביז ת'**, ווייל דער גאַנצער יסוד פון דער הייליגער תורה איז צו גיין מיט תמימות, מיט אמת'ע אמונה אינעם באַשעפער ברוך הוא.

די גמרא זאָגט (מכות כג:) אַז משה רבינו ע"ה האָט באַקומען תרי"ג מצוות: שס"ה מצוות לא תעשה אַנטקעגן די טעג פונעם יאָר, און רמ"ח מצוות עשה, אַנטקעגן די אברים פונעם מענטש.

זאָגט דער מהרש"א (חידושי אגדות, ד"ה 'תרי"ג'), אַז 'אנכי ה' אלקיך', וואָס איז **די מצוה פון אמונה אינעם אויבערשטען, איז קעגן דעם האַרץ**. פונקט ווי דאָס האַרץ איז דער שורש פון אַלע רמ"ח אברים און פון האַרץ קומט זייער גאַנצע חיות, אַזוי אויך איז די מצוה פון אמונה דער כלל און מקור פון אַלע רמ"ח מצוות עשה, וואָס מיר האָבן געהערט פונעם אויבערשטען אַליין.

לויט דעם, טייטשט דער 'קנה אברהם' (תהילים קיט, געדרוקט אין טוניס, אין יאָר תרע"ג) די ווערטער פון שלמה המלך ע"ה: **'אשת חיל מי ימצא'** - ווער קען מקיים זיין אַלע מצוות פון דער תורה? **'בטח בה לב בעלה'** - דער מענטש וואָס זיין האַרץ איז פול מיט אמונה און בטחון (וואָס זענען אַנטקעגן דעם האַרץ).

און אויף דעם זאָגן חז"ל (מכות כד.) 'בא חבקוק והעמידן על אחת'. דער נביא חבקוק האָט אַוועקגעשטעלט **די גאַנצע תורה אויף איין יסוד: אמונה**. 'וצדיק באמונתו יחיה'. אויב דער איד האָט אמונה, דאַן **'ושלל לא יחסר'** - וועט ער זוכה זיין צו באַקומען דעם גאַנצן 'שלל' - אַלע גוטע השפעות און ברכות.

אַזאַ קליינעם דעת[ב], טאָר מען נישט אַריינקלערן און נאָכפאָרשן די הנהגה

---

**ב.** עס ווערט געברענגט אויפ'ן פסוק (תהלים צב, ו-ז), 'מה גדלו מעשיך ה' מאד עמקו מחשבותיך, איש בער לא ידע **וכסיל לא יבין** את זאת'. איז שווער, צי דען פאַרשטייט נאָר דער נאַר נישט דעם אויבערשטען'ס וועגן, דער פסוק זאָגט דאָך פריער 'מאד עמקו מחשבותיך', וואָס מיינט אַז דעם אויבערשטען'ס וועגן זענען צו-טיף **פאַר יעדן איינעם**, אויך פאַר קלוגע מענטשן? נאָר די כוונה איז, באמת, נאָר דער קלוגער מענטש פאַרשטייט אַז די מחשבות פונעם באַשעפער זענען זייער טיף און אַז ער קען נישט משיג זיין די וועגן פונעם אויבערשטען, אָבער דער נאַר, 'לא יבין את זאת' - ער פאַרשטייט נישט דעם פאקט אַז די געדאַנקען פון דעם אויבערשטען כביכול זענען זייער טיף, ער מיינט אַז ער קען יאָ משיג זיין און פאַרשטיין די וועגן פונעם אויבערשטען...

על דרך משל, איינער פון די פּאַסאַזשירן אויף אַן עראָפּלאַן, האָט באַקומען רשות אַריינצוגיין אין דער קליינער קאַבינע וואו דער פּילאָט זיצט און פירט דעם עראָפּלאַן מיט גרויס פאַכמאַנשאַפט דער גאַנצער צימער, אין אַלע זייטן און ווינקלען, איז פול מיט אומצאָליגע קנעפּלעך, יעדעס איינע האָט אַן אַנדערן ציל. איינס איז צו פליען, אַ צווייט קנעפּל איז פאַר די לעקטער, און אַזוי ווייטער. אַלעס איז געווען אויסגעשטעלט מיט אַ געוואַלדיגע חכמה. ווען דער מענטש איז אַריינגעקומען, איז ער געווען איבערגענומען פון דעם גאַנצן אויסשטעל וואָס ער האָט געזען, און ער האָט זיך געוואָנדן צום פּילאָט, ווייזנ'דיג אויף איינעם פון די קנעפּלעך און געפרעגט: "צו וואָס דארף מען דאָס קנעפּל? און וואָס וועט פּאַסירן אויב מען דרוקט אויף דעם קנעפּל". האָט דער פּילאָט זיך צעשמייכלט און אים צוריקגעפרעגט: 'זאָג מיר, צו פאַרשטייסטו באמת די פונקציעס פון אַלע הונדערטער קנעפּלעך וואָס זענען דאָ אַריינגעשטעלט געוואָרן, אַז דו קומסט מיך פרעגן דווקא אויף דעם דאָזיגן קנעפּל?'

דער נמשל איז, אַ מענטש דרייט זיך אויף דער וועלט וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן - 'כולם בחכמה עשית, מלאה הארץ קנינך', און פלוצלינג קומט ער מיט קשיות אויף אַ געוויסער פּאַסירונג וואָס האָט אים געטראָפן, און ער פרעגט: "פאַרוואָס האָט דער באַשעפער דאָס געטוהן?" באמת איז נישט דאָ אַ גרעסערע נאַרישקייט ווי דאָס. האָט ער דען כאָטש איין ברעקל פאַרשטאַנד אין דער גאַנצער קאָמפּליצירטער הנהגה פון דער וועלט, אַז ער זאָל וועלן פאַרשטיין איין קליינעם פּרט פונעם גאַנצן ריזיגן סיסטעם פון הימל און ערד?

דאָס איז די כוונה פון פסוק, 'איש בער לא ידע, וכסיל לא יבין את זאת', ווייל דער וואָס ווערט אָנגערופן אַן **'איש'** (וואָס איז אַ לשון פון חשיבות, ווי רש"י שרייבט אָנהייב

פונעם באַשעפער, דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. דער מענטש דאַרף זיך אומגיין מיטן אויבערשטען מיט תמימות און גלייבן אַז אַלעם וואָס ער טוט איז צום גוטן[ג]. 'מפי עליון לא תצא הרעות'[ד]. דאַן וועט דער מענטש אַוודאי

---

פרשת שלח, אַז איבעראל אין דער תורה וואו עס שטייט דאָס וואָרט 'אנשים', מיינט עס חשוב'ע מענטשן), ווייסט גאַנץ גוט ביי זיך אַז ער איז אַ **'בער לא ידע'** - אַז ער פאַרמאָגט נישט דעם שכל און די ידיעה משיג צו זיין די הנהגה פונעם באַשעפער, ווי אַזוי ער פירט זיין וועלט. אָבער **'וכסיל'** - דער נאַר - וועט מיט זיין נאַרישן שכל זאָגן, אַז ער פאַרשטייט נישט **'זאת'** - דאָס הייסט, ער ווייזט אָן מיט זיין פינגער אויף איין ספעציפישן פרט אין דער בריאה פון הימל און ערד, אַז 'דאָס פאַרשטיי איך נישט' (כאילו אַז די אַנדערע זאַכן פון דער וועלט, פאַרשטייט ער יאָ'...), דאָס איז דאָך דער גרעסטער נאַרישקייט וואָס מ'קען געפינען.

אין אַ ישיבה אין ירושלים, לערנט אַ בחור וואָס איז נעבעך אַביסל שוואַך (היינט זאָגט מען אויף אַזאַ איינעם, אַז ער איז עפּעס 'נישט מיט אַלעמען'...). אין אַ טאָג איז אַ צווייטער בחור, אויך נישט קיין גרויסער בעל שכל, אַריינגעקומען אין דער ישיבה. איז דער ערשטער "חכם" צוגעגאַנגען צו אים און אים געפרעגט מיט וואונדער: "וואָס זוכסטו דא? ווייסטו נישט אַז די ישיבה איז געמאַכט נאָר פאַר 'נאָרמאַלע' בחורים?" פאַרשטייט זיך אַז אַלע ארומיגע בחורים האָבן געלאַכט פון דעם ערשטן. דער בחור האַלט זיך פאַר גאָר נאָרמאַל, ביז ער דערוואגט זיך נאָך צו "מוסר'ן" אַ צווייטן, נישט כאַפּנדיג דעם אמת'ן מצב אַז 'כל הפוסל במומו פוסל'.

אַזוי זעען מיר אויס אין די אויגן פון די מלאכים אין הימל. מיר באַקלאָגן זיך אויף אונזערע שוועריגקייטן און מיר זענען זיכער אַז מיר זענען גרויסע "חכמים" וואָס פאַרשטייען פונקטליך ווי אַזוי די הנהגה פון באַשעפער דאַרף אַרבעטן, ביז מיר דערוואַגן זיך נאָך צו פרעגן מיט תרעומות פאַרוואָס דער אויבערשטער טוט אַזוי און אַזוי... עס פאַלט אונז גאָרנישט איין אַז מיר זענען ווי יענער 'איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את זאת'. דעריבער איז פיל בעסער פאַר אונז מיר זאָלן אַוועקלייגן אונזער 'חכמה', און זיך פאַרלאזן נאָר אויף דעם אויבערשטען, וואָס ער איז דער 'מנהג עולמו בחסד ובריותיו ברחמים', און ער זוכט אייביג נאָר אונזער טובה.

**ג.** אַ חשוב'ער תלמיד חכם פון בני ברק האָט דערציילט, אַז זונטאָג פרשת ראה, כ"ג מנחם אב תשפ"ה, איז ער אַרויסגעפאָרן מיט מיט זיין משפחה און קינדער צום אַלטן בית החיים אין צפת, מתפלל צו זיין ביי די הייליגע קברים להיפקד בדבר ישועה ורחמים. אינמיטן גיין, האָט איינער פון די קינדער בטעות אַרויפגעטרעטן אויף איינעם פון די צענדליגער טויזנטער קברים וואָס געפינען זיך דאָרט. די מאַמע

האָט געפילט אַז ס'איז פּאַסיג אָפּצוגעבן כבוד פאַר יענעם נפטר און אים איבערבעטן, דעריבער האָבן זיי גענומען אַ שטיינדל און עס אַרויפגעלייגט אויפן קבר, ווי ס'איז דער מנהג, און געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים לעילוי נשמתו פונעם נפטר. ווען זיי האָבן געקוקט אויף דער מצבה צו זען דעם נאָמען פונעם נפטר, זענען זיי געווען ערשטוינט און איבעראַשט צו זען אַז דער טאָג פון דעם נפטר'ס יאָרצייט איז יענעם טאָג, כ"ג מנחם אב!

פון דעם קען מען לערנען, אויסער דער געוואַלדיגער השגחה פרטית פונעם באַשעפער אויף דער גאַנצער וועלט, ווי אַזוי דער נפטר האָט זוכה געווען אַז אַן ערליכע משפחה זאָלן קומען זאָגן תהלים ביי זיין קבר פּונקט אין טאָג פון זיין יאָרצייט, קענען מיר אויך נעמען פון דעם אַ חיזוק פאַר אונזער עבודת השם, צו פאַרשטיין אַז **נישט שטענדיג ווען מ'טרעט אויף דיר איז עס פאַר דיר אַ שלעכטע זאך**. אַמאָל קען גאָר זיין אַז דאָס "טרעטן" אליין איז אַן עליה פאַר דיר און פאַר דיין נשמה...

ס'איז פאַרהאַן אַ משל פון די קדמונים, וועגן אַ קאַץ וואָס איז נאָכגעלאָפן א מייז כדי אים אויפצועסן און אים פאַרציקן. ווען דאָס מייזל האָט דאָס געזען, האָט ער אָנגעהויבן צו אַנטלויפן מיט זיינע לעצטע כוחות. אינמיטן דעם געיעג האָט ער באַגעגנט אַן עלעפאַנט, וואָס האָט אים געפרעגט וואו ער לויפט אַזוי שנעל. ווען דאָס מייזל האָט אים דערציילט אַז די קאַץ לויפט אים נאָך, האָט דער עלעפאַנט שנעל אַרויפגעוואָרפן אויף אים שטיקער ערד און בלאָטע, ביז ער איז געוואָרן באַגראָבן אונטער'ן זאַמד. אַזוי אַרום, ווען די קאַץ איז דאָרט פאַרביי געלאָפן, האָט זי נישט באַמערקט דאָס מייזל און איז ווייטער געגאַנגען איר וועג. שפּעטער, ווען די קאַץ איז צוריקגעקומען פון איר דורכגעפאַלענעם געיעג, האָט זי באמערקט די שטיקער ערד וואָס ליגן דאָרט ביי דער זייט פון וועג. צוגייענדיג אַהין נאָנט, האָט זי באַמערקט דעם ווידל פונעם מייזל אַרויסשטעקן צווישן די שטיקלעך ערד. די קאַץ האָט שנעל אַראָפּגענומען די גאַנצע בלאָטע, אויפגעגעסן דאָס מייזל, נישט איבערלאָזנדיג אַ זכר דערפון.

פון דעם קענען מיר לערנען צוויי וויכטיגע לימודים:

**א.** נישט יעדער וואָס וואַרפט אויף דיר שמוץ און בלאָטע און מאַכט דיך שמוציג מיינט דיין שלעכטס, ווייל צומאָל ראַטעוועט ער טאַקע דערמיט דיין לעבן.

**ב.** נישט יעדער וואָס רייניגט דיך אָפּ און נעמט אַראָפּ פון דיר די בלאָטע, זוכט דיין טובה. ס'איז מעגליך אַז ער פּלאַנירט גאָר דיין סוף ח"ו. דאָס זעלבע איז מיט אונז, אַמאָל קען זיך דאַכטן פאַר דעם מענטש אַז דער אויבערשטער באַוואַרפט אים ח"ו מיט אַ באַרג פון צרות, אָבער אין אמת'ן איז דאָס אַלעס נאָר פאַר זיין

אייגענער טובה, און דורך די שוועריגקייטן ראַטעוועט דער אויבערשטער זיין לעבן. מיר האָבן נישט קיין אַנדערע ברירה נאָר זיך צו שטאַרקן מיט אמונה אַז אַלעס וואָס פּאַסירט מיט אַ מענטש איז פאַר זיין פולשטענדיגער טובה.

**ד.** אַ איד אַ בעל יסורים ל"ע האָט זיך אַמאָל אויסגעוויינט דאָס האַרץ פאַר הרה"ק מטאָהש זי"ע, איבער די בערג מיט צרות פון וועלכע ער ליידט רח"ל. ווען דער איד האָט גערעדט צום טאָהשער רבי'ן, איז פונקט דעמאָלס געשטאַנען אויפ'ן טיש פאַר'ן רבי'ן אַ גרויס גלאָז פול מיט הייסע טיי פון וועלכע ס'איז נאָך געגאַנגען אַ רויך. ווען דער איד האָט אָנגעהויבן וויינען נאָך שטאַרקער, האָט דער רבי געהייסן אים געהייסן צוקומען נענטער, און דערנאָך נאָך נענטער. פאַר יעדע צרה וואָס דער חסיד האָט אויסגערעכנט, האָט דער רבי אויסגעגאָסן אַביסל פון די הייסע טיי אויף אים און אויף זיינע קליידער, ביז ער איז געוואָרן אינגאַנצן נאַס. פאַרשטייט זיך אַז דער חסיד האָט נישט אַרויסגעזאָגט קיין איין וואָרט פון טענות אָדער וואונדער פאַרוואָס דער רבי באַגיסט אים מיט'ן הייסן וואַסער, ווייל ער האָט גוט געוויסט אַז יעדע פעולה און יעדער ריר פונעם רבי'ן האָט טיפע כוונות, און ס'ליגט דערין זיכער גאָר הויכע און ענינים.

נאָך דעם ווי דער איד האָט געענדיגט וויינען און זיך אויסרעדן זיין האַרץ, האָט דער רבי אים געפרעגט: 'האט דיר דען נישט געברענט און ווי געטון ווען דאָס הייסע וואַסער האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דיר?' האָט דער איד געענטפערט דעם טאָהשער רבי'ן: 'אַוודאי, עס האָט מיר זייער ווי געטוהן'.

- אויב אַזוי - האָט דער רבי ווייטער געפרעגט, 'פאַרוואָס ביסטו געבליבן שטיל? פאַרוואָס האָסטו נישט אַרויסגעוויזן וואונדער אָדער איבערראַשונג ווען די טיי האָט זיך אויסגעגאַסן אויף דיר?' האָט דער חסיד אָנגעהויבן שטאַמלען, אָבער דער רבי האָט אים געדרוקט: 'זאָג מיר דעם אמת, פאַרוואָס ביזטו געבליבן אַזוי שטיל?'.

האָט דער חסיד געענטפערט, 'ווייל איך ווייס מיט אַ זיכערקייט אַז דער רבי האָט הויכע כוונות אין אַלעם וואָס ער טוט. איך האָב געהאַט בטחון אַז מיט דעם וואָס דער רבי האָט געטוהן, האָט ער אַוודאי געזוכט ממתיק צו זיין אַלע דינים און מבטל זיין פון מיר אַלע יסורים'.

האָט דער טאָהשער רבי אים געזאָגט: 'וויבאַלד מ'רופט מיך 'טאָהשער רבי', מיינסטו אַז איך קען ממתיק זיין גזירות... דערפאַר ביסטו טאַקע געבליבן שטיל, דו האָסט נישט געשריגן. אויב אַזוי איז דאָך אַ 'קל וחומר' אַז דו דאַרפסט גלייבן אין דעם באַשעפער, וואָס ער איז דער בעה"ב אויף דער גאַנצער וועלט, אַז ער אליין איז דער וואָס טוט באמת ממתיק זיין אַלע דינים און ער טוט נאָר גוטס פאַר יעדן איינעם. אויב אַזוי, פאַרוואָס שרייסטו און דו באַקלאָגסט זיך? זיי רואיג, און גלייב

קענען זען צום סוף ווי אַלעס איז בלויז גוטע חסדים, ווי עס ווערט געברענגט אין דער גמרא (ברכות ס:) די מעשה פון רבי עקיבא, וועלכע האָט אַלעמאָל אָנגעזאָגט פאַר זיינע תלמידים צו זאָגן 'כל דעביד רחמנא לטב עביד', און דערנאָך האָט פאַסירט די מעשה אין די וואַלדה, עכ"ל.

---

אינעם באַשעפער מיט אמונה שלימה אַז אַלעס וואָס ער טוט איז נאָר פאַר דיין אמת'ער טובה'.

**ה.** מיר האָבן געהערט אַ טייער וואָרט אויף דעם וואָס 'נחום איש **גם** זו' ווערט אַזוי גערופן, ווייל ער האָט ביי יעדער זאַך - גוט, אָדער חלילה פאַרקערט - געזאָגט 'גם זו לטובה', געבויט אויף דעם וואָס הרב רי"א דינער שליט"א האָט געזאָגט אויף דעם באַקאַנטן שפּריכוואָרט אַז ס'איז נישט פאַרהאַן אויף דער וועלט אַ מענטש וואָס האָט נישט אַ 'האַלב-פולן גלאָז', ווייל דאָס וואָרט 'כוס' באַטרעפט די צאָל 86. אַ העלפט פון 86, איז 43. קומט אויס אַז אַ 'האלבע גלאָז', דאָס הייסט, אַ האַלב פון דער צאָל 'כוס', איז 43.

יעצט, אז מ'וועט זיך מתבונן זיין, וועט מען זען א מורא'דיגע זאך: דער קאַפּיטל 'מזמור לתודה' האָט פונקט 43 ווערטער, און קאַפּיטל קז אין תהלים וואָס רעדט איבער די פיר מענטשן וואָס דאַרפן דאַנקען דעם אויבערשטען האָט אויך 43 פסוקים! דאָס לערנט אונז אַז **דער מענטש איז מחויב צו דאַנקען און לויבן אָן אַ שיעור פאַר דעם האַלב-פולן גלאָז...** און אויף דעם זאָגט דער פסוק (תהלים קז, מג): מי **חכם** וישמור אלה ויתבוננו חסדי ה'". די ראשי תיבות פון דעם וואָרט חכ"ם איז **ח**'צי **כ**'וס **מ**'לאה (אַ האַלב-פולער גלאָז), ווייל דער חכם האַלט שטענדיג פאַר זיינע אויגן דעם האַלב-פולן גלאָז. ער טראַכט אייביג וועגן די חסדים פון דעם באַשעפער, און ער איז צופרידן מיט וואס ער האט, און דאָס פאַרקערטע איז ביי...

דער 'מחשבת יהושע' גיט צו, אַז לויט דעם קען מען פאַשטיין דעם אויסדרוק '**גם** זו לטובה', ווייל ווען אַ מענטש קוקט אויף דעם 'האַלב-פולן גלאָז', און ער דאַנקט כסדר דעם אויבערשטען, זעט ער ווי דער ליבער טאַטע אין הימל וויל נאָר טוהן גוטס מיט אידישע קינדער, און ער באַגיסט אונז מיט חסדים יעדע מינוט, אַזוי ווי דער הייליגער 'אור החיים' הקדוש זי"ע שרייבט (סוף פרשת בא) '**שאין לך שעה ורגע שאין ה' עושה פעולה עם האדם, בין בבחינת גופו, בין בבחינת צרכיו**'. ווען דער מענטש זעט איין דעם אויבערשטענ'ס ליבשאַפט צו אים, ווערט אים קלאָר אַז **אַפילו דער 'האַלב ליידיגער גלאָז' איז אויך לטובה**. דאָס איז די כוונה פון די ווערטער 'גם זו לטובה'. '**גם**' - דער האַלב פולער גלאָז (ווייל אַ העלפט פון 'כוס' איז דאָך

43, די צאָל פון וואָרט 'גם', ווי געזאָגט). '**זו**' אויך די העלפט וואָס פעלט פאַר דעם מענטש, איז אויך '**לטובה**', פונקט ווי די אַנדערע (פולע) העלפט...

איינער פון די חשוב'ע מרביצי תורה אין אלעד יצ"ו האָט צוגעלייגט צו דעם דערמאנטן געדאַנק, מיר געפינען אַז ביי ברכת המזון, דאַרף דער מענטש זאָגן די ברכות מיט גרויס **שמחה** און מיט אַ פרייליך האַרץ (ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש). אויך ווערט גע'פסק'ענט אַז מען דאַרף בענטשן אויף אַ 'כוס מלא' - אַ פולן בעכער, און מ'דאַרף האַלטן די אויגן געצילט דערויף פאַרן אָנהייבן די ברכה. איז לכאורה שווער, ווי אַזוי קען דער מענטש בענטשן מיט אַ פרייליך האַרץ, ווען דאָס האַרץ טוט אים וויי? אויך איז שווער, ווי אַזוי קען דער כוס זיין '**פול**', ווען דער מענטש שפירט אַז ער האָט נאָר אַ האַלב-פולן בעכער... אָבער לויט ווי מיר שמועסן איז פאַרענטפערט, אַז אויף דעם זאָגן חז"ל מ'זאָל 'אַריינלייגן די אויגן אינעם כוס'... דאָס הייסט, **קוק אויפ'ן האַלב-פולן בעכער, וועסטו פאַרשטיין אַז אַלעס וואָס דער באַשעפער טוט איז לטובה. דורך דעם וועט דער גאַנצער כוס שוין ווערן פול אין דיינע אויגן, און דו וועסט שוין קענען דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער מיט אַ ריכטיגער שמחה.**

מיר געפינען אַן ענליכע זאַך ביי דוד המלך ע"ה, וואָס ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַרומגענומען מיט ביטערע יסורים ל"ע, ווי דוד המלך אַליין זאָגט אין תהילים (מ, יג) 'כי אפפו עלי רעות **עד אין מספר**', אַז ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט צרות אָן אַ שיעור, אָבער פונדעסטוועגן זאָגט ער אויף זיך אַליין (תהילים כג, ה): 'כוסי רויה', מיין בעכער איז פיל ביז'ן ברעג און **עס גיסט זיך איבער**. איז לכאורה שווער, וואו איז פאַרשוואונדן דוד'ס 'האַלב-ליידיגער' בעכער? איז דער תירוץ, אַז **אַדאַנק זיין פעסטע און שטאַרקע אמונה אינעם באַשעפער, האָט דוד המלך ע"ה קלאָר געוואוסט אַז אַלע 'צרות' זענען באמת נאָר לטובה. ממילא איז זיין גאַנצער כוס געווען פיל, עס האָט אים גאָרנישט געפעלט...**

אויף דעם זאָגט דער פסוק (חבקוק ב, ג): 'אם יתמהמה **חכה** לו כי בא יבא לא יאחר' - אפילו אויב עס פאַרזוימט זיך, וואַרט דערויף מיט געדולד, ווייל עס וועט זיכער אָנקומען און עס וועט נישט שפעטיגן. קען מען זאָגן אַ רמז, אַז דאָס וואָרט 'חכה' איז די ראשי תיבות פון **ח**'צי **כ**'וס **ה**'ריקנית (דער האַלב-ליידיגער כוס), דאָס קומט צו לערנען דעם מענטש אַז ער זאָל קיינמאָל נישט אויפגעבן, אַזוי ווי רש"י הקדוש שרייבט, 'התהלך עמו בתמימות ותצפה לו' - גיי זיך אום מיט'ן באַשעפער מיט פשוט'ע תמימות און קוק אַרויס אויף זיין הילף. **אַ מענטש דאַרף שטענדיג וואַרטן און האָפן אַז דער האַלב-ליידיגער כוס זאָל זיך איבערדרייען צו אַן אָפענע און קלאָרע חסדים, ביז מען וועט זוכה זיין צו אַ 'כוס מלא' - אַ בעכער פול מיט ברכות פונעם אויבערשטען.**

**היום למלחמה - די שמחה אין הימל ווען אַ איד האַלט מלחמה מיט'ן יצר הרע**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (כ, ב-ג) 'והיה כקרבכם אל המלחמה וניגש הכהן ודיבר אל העם, ואמר אליהם שמע ישראל אתם קרבים היום למלחמה על אויביכם אל ירך לבבכם' וגו'.

**פרעגט** הרה"ק בעל 'אמרי יהודה' פון ברעזשאן זי"ע, חז"ל זאָגן דאך (ב"ר פמ"ב, ג) 'אין והיה אלא לשון שמחה'. איבעראל וואו עס שטייט דאָס וואָרט 'והיה', איז עס אַ לשון פון שמחה. אויב אַזוי, וואָס איז די שמחה געווען דאָ, אַז מ'איז אַרויסגעגאַנגען אין די מלחמה, וואָס דער פסוק זאָגט 'והיה' בקרבכם אל המלחמה?

**ענטפערט** דער 'אמרי יהודה', אַז דער פסוק רעדט דאָ וועגן מלחמת היצר, אַז ס'איז אַ גרויסע שמחה ביים אויבערשטען ברוך הוא ווען אַ איד ווערט נתעורר תשובה צו טוהן, און ער דעקלערט אַ מלחמה קעגן זיין יצר הרע. און באַטש ער האָט עס נישט אָנגעפירט די מלחמה בפועל, איז אָבער די עצם התעוררות און דער רצון צו פאַרבעסערן זיינע וועגן, מעורר אַ נחת רוח און אַ שמחה אין הימל'.

---

פון דער אַנדערער זייט, די וואָס באַקלאָגן זיך און זעען מיט זייערע אויגן נאָר דעם לײדיגן טייל פונעם בעכער, און זיי באַקלאָגן זיך אויף דעם באַשעפער'ס הנהגה מיט זיי, אַזעלכע מענטשן קענען חלילה פאַרלירן אפילו דאָס ביסל גוטס וואָס זיי האָבן שוין יאָ באַקומען, און אַזוי אַרום האָבן זיי שאָדן אויך אויף דעם האלב-פולן כוס, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (מלכים א ג, כו): 'גם לי גם לך לא יהיה'ביידע זאָלן מיר נישט האָבן...

**ו.** הגה"צ רבי ירוחם זצ"ל האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון דעם 'אַלטן' פון קעלם, אַז מ'זעט אַז די תורה איז אַזוי מחמיר וועגן אַ 'מסית ומדיח', אַז מ'טאָר נישט זוכן אַ לימוד זכות אויף אים, און מ'מעג אַפילו אויפנעמען אַלס דיין איינעם וואָס איז נישט אַ בעל רחמנות. דאָס זענען חומרות וואָס מ'טרעפט נישט אין דער גאַנצער תורה. אַלעס נאָר דערפאַר ווייל 'כי ביקש להדיחך מעל ה' אלוקיך' (דברים יג, יא) - ער האָט בלויז געזוכט דיך אַראָפּצופירן פון דרך הישר. אַפילו אויב עס איז אים נישט געלונגען זיין פלאַן, קומט אים נאָך אַלץ מיתה (ווי דער רמב"ם פסק'נט אין הלכות עבודה זרה, פ"ה ה"א).

אויב אַזוי, קען מען דאָך מאַכן אַ 'קל וחומר': וויפיל מער וועט זיין די שכר פאַר אַ מענטש וואָס העלפט אויפוועקן אידישע הערצער זיי צו דערנענטערן צום באַשעפער, וואָס זיין שכר וועט זיכער זיין גאָר גרויס. אויך אויב ער האָט למעשה נישט מצליח געווען אויסצופירן זיין ציל, וועט אים נאָך אַלץ קומען אַסאַך שכר פאַר דעם אַליין וואָס ער האָט געוואָלט מקרב זיין אידן צום באַשעפער.

**און** נישט נאָר דאָס, נאָר באַלד נאָך דעם איז דער כהן צוגעגאַנגען (׳כהן׳ איז אַ רמז אויפ׳ן באַשעפער), און געזאָגט צו די אידן וואָס זענען געגאַנגען אין דער מלחמה: ׳אתם קרבים היום למלחמה על אויביכם, אל ירך לבבכם׳, ווייל איך וועל אייך שיקן די ישועה, אַז באַלד אַזוי ווי דער מענטש ווערט נתעורר מיט אַן אתערותא דלתתא, ווערט ער געהאָלפן ווי איינער וואָס איז געקומען זיך רייניגן, וואָס חז״ל זאָגן (שבת קד.) ׳הבא ליטהר מסייעין לו׳.

**דאָס** דאַרף דינען אַלס אַ שטאַרקע חיזוק פאַר אידישע קינדער וואָס ווילן שוין תשובה טוהן, ספּעציעל אין די יעצטיגע טעג פון חודש אלול, וואָס איז דער חודש פון תשובה, ווען יעדער איד ווערט נתעורר צו פאַרריכטן זיינע וועגן. אָבער דער יצר הרע זוכט דאָך אַריינצוברענגען יאוש אינעם מענטש, מיט דער טענה אַז ער איז נישט בכח זיך צו שטאַרקן אויף זיין יצר, נאָר אַז ער איז פול מיט עבירות ביז איבער׳ן קאָפּ. ווי אַזוי וועט ער קענען ביישטיין די שווערע אַרבעט? אויף דעם זאָגט דער פסוק ׳אל ירך לבבכם׳ - איר זאָלט נישט ווערן אָפּגעשוואַכט אין אייער האַרץ, נאָר איר זאָלט זיך פאַרלאָזן אויפ׳ן אויבערשטען, אַז ער וועט אייך העלפן שטאַרקן זיך אויף אַלע שוועריגקייטן.

**דער** ׳אור החיים׳ הקדוש זי״ע שרייבט אויפ׳ן פריערדיגן פסוק (פסוק א), ׳כי

---

און ער האָט אויסגעפירט, אַז מ׳קען זאָגן לויט דעם, אַז אפילו אויב אַ מענטש פּרובירט נאָר **זיך אַליין** מקרב צו זיין, איז זיין שכר זייער גרויס, **אפילו אויב ער האָט נישט מצליח געווען עס אויסצופירן למעשה...** נאָר פאַר די גוטע כוונות און פאַרן בלויזן אָנהייבן צו גיין אינעם דרך הישר, איז זיין שכר גאָר גרויס.

**יעדע קליינע זאַך וואָס אַ מענטש טוט אינעם חודש אלול - צי דאָס איז זאָגן תהילים, הערן אַ דרשת התעוררות, אָדער לערנען ספרי מוסר - יעדע התחזקות און יעדע קליינע פעולה ווערט פאַררעכנט פאַר׳ן מענטש אַז ער האָט ׳געוואָלט׳.** ממילא, אויב די תורה זאָגט אַז מ׳דאַרף זוכן ׳אונטער דער ערד׳ טענות קעגן דעם ׳מסית ומדיח׳, כדי אים צו באַשטראָפן, איז דאָך אַ ׳קל וחומר׳ אַז אין אַזאַ פאַל ווען ער וויל זיך יאָ דערנענטערן, ווערט ער פאַרשריבן אויף אַ גוט געבענטשט יאָר, לאלתר לחיים טובים ושלום.

**ז.** נאָך אַ תחבולה פונעם יצר הרע איז אַריינצוברענגען אין אַ איד מחשבות פון יאוש, ער זאָל זאָגן צו זיך אַליין, וואָס האָב איך פון דער גאַנצער התעוררות צו תשובה אין חודש אלול, אויב נאָך די ימים נוראים וועל איך סיי-ווי צוריקגיין צו מיינע אַלטע געוואוינהייטן? הגם עס איז טאַקע אמת אַז דער מענטש דאַרף תשובה

טוהן ביז דער 'יודע תעלומות' זאָל עדות זאָגן אויף אים אַז ער וועט מער נישט צוריקקומען צו טוהן די עבירה, דאָך איז די טענה אַליין פאַלש.

מיר געפינען ביי דער טהרה פון פיש, וואו דער פסוק זאָגט (ויקרא יא, ט):'כל אשר לו סנפיר וקשקשת במים'. חז"ל לערנען אונז אויס (ווי רש"י ברענגט דאָרט אויפ'ן פלאַץ), אַז אפילו אויב אַ פיש וואַרפט אַראָפּ זיינע פליס פעדערן ווען ער גייט אַרויס פון וואַסער, איז ער אויך כשר, **ווייל די 'קשקשים' זענען געווען אויף אים ווען ער איז געווען אין וואַסער.** דאָס זעלבע קען מען זאָגן לגבי תשובה: אַפילו אויב דער מענטש ווייזט אַרויס 'סימני טהרה' נאָר ווען ער האָט זיך געפונען 'אין וואַסער', דאָס מיינט - דורכאויס חודש אלול, וואָס איז דער חודש פון תשובה - ווערט ער נאָך אַלץ פאַררעכנט אַלס 'טהור', און 'טהור טהור יקרא'...

הגה"צ רבי אברהם פּאָלאַק זצ"ל, דער משגיח פון דער סלאָבאָדקער ישיבה אין בני ברק, האָט אַמאָל געפרעגט די דאָזיגע שאלה דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, און דער 'חזון איש' האָט אים געענטפערט: **'דאָס אליין וואָס מ'איז נאנט צום באַשעפער אין די דאָזיגע עטליכע טעג, איז שוין כדאי און ווערטפול'.** (ענליך ווערט געברענגט אין ספר 'מעשה איש', ח"ד, ע' נט).

דער 'חזון איש' האָט געגעבן אַן אַנדערן ענטפער פאַר אַ צווייטן איד וואָס האָט אים געפרעגט די זעלבע שאלה, ער האָט געזאָגט אַז **ווען נישט חודש אלול, וואָלטן מיר חלילה דערטרינקען געוואָרן אין עבירות.**

מ'קען דאָס ערקלערן מיט אַ משל, וואָס הגה"צ רבי חיים פרידלענדער זצ"ל, דער משגיח פון דער פּאָניעוועשער ישיבה אין בני ברק, פלעגט זאָגן, איינער וואָס פירט אַ שיף אינמיטן גרויסן ים. עס איז די סדר אז מ'בינדט צו אַ גראָבן שטריק צו דער שיף, און ווען מען קומט אָן צום פּאָרט, בינדט מען אָן דעם אַנדערן עק פונעם שטריק צו אַן אייזערנעם שטאנג וואָס שטייט אויפ'ן ברעג פון ים, כדי די שיף זאָל נישט אַוועקגעטראָגן ווערן דורך די שטורמישע ווינטן. וויבאַלד דער שטריק ליגט אין וואַסער פאַר אַ לאַנגער צייט, מוז מען עס כסדר אויפטוישן אויף אַ נייעם שטריק. איין מאָל האָט אַ 'חכם' געפרעגט דעם קאַפּיטאַן פון דער שיף פאַרוואָס ער פלאָגט זיך אַזוי כסדר איבערצוטוישן דעם שטריק. דו עפענסט אַלע קניפּן כדי אַרויסצונעמען דעם אַלטן שטריק און אַריינשטעלן דאָרט אַ נייעם שטריק און עס צובינדן ווי געהעריג. דו ווייסט דאָך זייער גוט, אַז אויך דער דאָזיגער שטריק וועט באַלד איינזינקען אין וואַסער, און 'תוך כדי דיבור' וועט אויך ער נאַס ווערן, און ממילא, וואָס האָסטו צו אַרבעטן אומזיסט?...

האָט דער קאַפּיטאַן אים געענטפערט, אַז ווען דער שטריק ליגט איינגעטונקען אינעם ים פאַר אַ לאַנגער צייט, זאַפּט זיך דאָס וואַסער אַריין אין דעם פאָדעם און

תצא למלחמה על אויביך וראית סוס ורכב עם רב ממך, לא תירא מהם, כי ה' אלוקיך עמך המעלך מארץ מצרים'. זאָגט דער 'אור החיים' הקדוש, אַז דער פּסוק וויל מרמז זיין אויף דער מלחמה וואָס דער מענטש פירט מיט זיין יצר הרע, אַז דער מענטש זאָל נישט מורא האָבן פונעם יצר. אויף דעם זאָגט דער פּסוק, 'כי תצא למלחמה' - ווען דו וועסט ארויסגיין אין דער גרויסע מלחמה (קעגן דעם יצר), וואָס ס'איז נישט דא גרעסערס פון דעם. דער יצר הרע זאָגט פאַר'ן מענטש, 'עם רב ממך' - די כוחות פון שלעכטס וואָס זענען ליידער צוגעקומען דורך דיינע שלעכטע מעשים. פון דעסטוועגן זאָגט דער אויבערשטער, דו זאָלסט נישט מורא האָבן פון זיי, 'כי ה' אלקיך עמך' - דאָס הייסט, ריכטיג טאַקע, אויב דו וואָלסט געקומען מלחמה האַלטן מיט דעם יצר הרע מיט דיין אייגענעם כח, ביסטו נישט בכח צו שטיין אין דער דאָזיגער מלחמה. אָבער וויבאלד 'ה'

---

מאַכט עס ווייך און שוואך, ביז דער שטריק וועט זיך גאָר שנעל אַליין איבעררייסן, און די שיף וועט 'אַנטלויפן' אינעם טיפן ים. עס איז נישט דאָ קיין שום אַנדערע עצה נאָר אויסצוטוישן דעם שטריק מיט אַ נייעם שטריק יעדע שטיק צייט, כדי דער שטריק זאָל בלייבן שטאַרק און קענען האַלטן די שיף פעסט קעגן אַלע כוואַליעס און שטורעם-ווינטן.

דאָס זעלבע איז אויך לגבי חודש אלול. אַ גאַנץ יאָר טוט דער יצר הרע נאָגן און אָפּשוואַכן דעם 'שטריק' - דעם קשר צווישן אידישע קינדער און זייער טאַטן אין הימל. **אונזער עבודה אין חודש אלול און אין די ימים נוראים איז צו באַנייען 'דעם שטריק' און שטאַרקן אונזער קשר מיט'ן אויבערשטען, כדי עס זאָל זיך חלילה נישט איבעררייסן שפּעטער איבער'ן יאָר**, צוליב דעם וואָס עס איז געוואָרן צו-שוואַך.

איינער פון די צדיקי הדור שליט"א האָט געזאָגט אַ משל: אַ מענטש וואָס אַרבעט צו רייניגן קוימענס פון דעם אָנגעזאַמלטן רויך וואָס קלעבט זיך אָן אין דעם קוימען און שטערט דעם רויך אַרויסצוגיין. יעדן טאָג ווערט אַזאַ קוימען-קערער שוואַרץ פון דעם גאַנצן שמוץ אין דעם קוימען. ווען ער קומט אַהיים ביינאַכט, וואַשט ער זיך אָפּ, ער רייניגט זיך און ער טוישט זיינע קליידער. האָט איינער אים אַמאָל געפרעגט, פאַרוואָס דאַרף ער אַרבעטן אַזוי שווער זיך אָפּצורייניגן? ער וועט דאָך מאָרגן ווידער ווערן פאַרשמירט... דער ענטפער איז אָבער קלאָר און זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז יעצט וויל ער זיך שפּירן 'געשמאַק' און אָנגענעם...

דאָס זעלבע איז לענינינו. **יעצט איז די צייט ווען דער מענטש קען זיך אויפהייבן מיט תשובה. צו דען דערפאַר ווייל אפשר מאָרגן וועט ער ווייטער פאַרשמירט ווערן, זאָל ער נישט זיין ריין אויך יעצט?**

אלקיך עמך', דער אויבערשטער האָט אַ גרויסן כח דיך צו ראַטעווען. ווייל ווען דער מענטש קומט זיך רייניגן, טוט דער אויבערשטער אים אָננעמען מיט זיין רעכטער האַנט כביכול, און ער ווערט דבוק אין דעם אויבערשטען, און דער אויבערשטער וועט אונטערטעניגן אַלע וואָס זוכן אים ענג צו מאַכן.

**ממילא,** טאָר זיך נישט געפינען אַ איד וואָס זאָל זיך מייאש זיין פון תשובה. 'אין לך דבר העומד בפני התשובה' - קיין זאַך אויף דער וועלט, שטייט נישט אין וועג פון תשובה, אַזוי ווי צדיקים האָבן געטייטשט דעם פסוק אָנהייב היינטיגע פרשה, 'ולא תקים לך מצבה אשר שנא ה' אלקיך', אַז דאָס גייט אַרויף אויפ'ן מענטש וואָס שטעלט זיך אַוועק אַזוי ווי אַ 'מצבה', וואָס מ'קען עס נישט רירן פון אָרט, און אין זיין גרויסן יאוש דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער האָט חלילה פאַרלוירן יעדע האָפענונגח, 'מה שהיה הוא שיהיה' - ער וועט זיך שוין נישט קענען טוישן צום גוטן חלילה. אַזאַ סאָרט הנהגה האָט דער אויבערשטער פיינט, 'אשר שנא ה' אלקיך'.

---

**ח.** דאָס איז אויך מרומז אין דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כ, ח) 'מי האיש **הירא** ורך הלבב'. זאָגט רש"י, אַז 'הירא' מיינט איינער וואָס האָט מורא פון די עבירות וואָס ער האט געטוהן. פון דעם פסוק זעען מיר אַז **דער פחד פון דער ירידה איז ערגער ווי די ירידה אַליין.** צוליב דעם זאָגט נישט דער פסוק, 'מי האיש **החוטא** ילך וישוב לביתו', נאָר 'מי האיש **הירא** ורך הלבב ילך וישוב לביתו', וואָס דאָס מיינט, 'הירא מעבירות שבידו'. דער 'בעל עבירה' איז נאָך אַלץ כשר אַרויסצוגיין מלחמה האַלטן דעם אויבערשטענ'ס מלחמה, ווייל דער אויבערשטער וויל דאָך אַז אידן זאָלן תשובה טון, אָבער דער וואָס האָט 'מורא' פון די עבירות וואָס ער האָט געטוהן און פון די נפילות, אַזאַ איינער טאָר נישט גיין מלחמה האַלטן: 'ילך וישב לביתו'.

הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע שרייבט, אין זיין ספר 'צדקת הצדיק' (קנד), אויף דעם פסוק (שמות יד, לא) 'ויאמינו בה' ובמשה עבדו', אַז **פונקט ווי אַ איד דאַרף גלייבן אין באַשעפער, אַזוי דאַרף ער אויך גלייבן אין זיך אַליין, אַז דער אויבערשטער האָט מיט אים אַ געשעפט, ער איז נישט אַ 'פועל בטל' ח"ו, נאָר ער דאַרף גלייבן אַז זיין נשמה קומט פון דעם מקור החיים ברוך הוא, און דער אויבערשטער האָט אַ גרויסן פאַרגעניגן פון אים ווען ער טוט זיין רצון.**

דאָס איז די כוונה פון פסוק 'ויאמינו בה' ובמשה עבדו'. 'משה' איז מרמז אויף כלל ישראל - די זעקס הונדערט טויזנט נפשות ישראל וואָס האָבן געלעבט אין זיין דור. דאָס מיינט, אַז זיי האָבן געגלייבט אין דעם כח פון יעדן איינצלנעם איד. זיי האָבן געגלייבט אַז דער אויבערשטער גליסט אין זיי, עכ"ד.

מ׳קען עס זען פון דער נאטור. דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אַ כח אין דער טבע פון דער וועלט, אַז אַ מענטש שווימט איבער׳ן וואַסער אויך אויב ער האָט נישט דערצו אַ כשרון אָדער אַ כח. אפילו אַ מענטש וואָס שלאָפט, אָדער אַ טויטער מענטש ח״ו שווימט אויפ׳ן וואַסער. אָבער מ׳זעט ביי אַ קינד, אַז ווען מ׳שטעלט אים אויפ׳ן וואַסער און מ׳וועט אים האַלטן אין דער האַנט און אים אויפקלערן אַז ער שווימט איבער׳ן וואַסער נאַטורליך, אָבער פונדעסטוועגן, אין דער סעקונדע וואָס מ׳וועט אים אָפּלאָזן און נישט אָנהאַלטן, וועט ער אַריינפאַלן אין וואַסער. דאָס איז דערפאַר, **ווייל ווען דער מענטש פאַרליירט דעם צוטרוי אין זיך אַליין**, איז ער אַזוי ווי איינער וואָס דערטרינקט זיך מיט כח קעגן דעם כח וואָס ער האָט אין זיין נאַטור צו שווימען אויפ׳ן וואַסער.

אַזוי אויך ווען מ׳לערנט אויס אַ קינד פאָרן אויף אַ ביציקל. אין אָנהייב וועט זיין טאַטע אים אָנהאַלטן אָדער צושטעלן נאָך צוויי רעדלעך אַרויסצוהעלפן און אים אָנהאַלטן. אויב זיין טאַטע וועט אָפּלאָזן דעם ביציקל, אָדער ער וועט אַוועקנעמען די הילף-רעדער, איז אַזוי לאַנג ווי דאָס קינד האָט נישט געזען אַז ער האָט אויפגעהערט אים אונטערצוהאַלטן, וועט ער פאָרזעצן מיט זיין נסיעה אַזוי ווי ביז יעצט. **אָבער אין דער רגע וואָס ער זעט אַז זיין טאַטע האָט אים אָפּגעלאָזט, אָדער ער האָט אַראָפּגענומען די הילף-רעדלעך, וועט ער באַלד פאַלן אויף דער ערד, ווייל ער האָט פאַרלוירן די זעלבסט-זיכערקייט...**

## מן הבאר

אַ איד האָט זיך אַמאָל אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר׳ן גאון רבי ישראל סאלאנטער זצ״ל, אַז ער האָט זיך שוין מייאש געווען פון עבודת השם. ׳איך בין געקומען צו דער אנערקענונג, אַז איך בין נישט בכח בייצושטיין קעגן מיין יצר הרע, וואָס שטאַרקט זיך אויף מיר מיט זיין גאַנצן כח׳, האָט דער איד גע׳טענה׳ט. האָט רבי ישראל סאַלאַנטער אים געענטפערט:

- **דיין יצר הרע גלייבט אין דיר מער ווי דו גלייבסט אין זיך אַליין.** אַ ראיה דערצו, איז פון די ווערטער פון דער גמרא (ר״ה טז:) אַז דער שטן ווערט צעטומלט ביי תקיעת שופר, און דער ירושלמי זאָגט (געברענגט אין תוספות, ראש השנה דאָרט, ד״ה ׳לערבב׳), אַז דאָס איז צוליב דער מורא וואָס דער שטן האָט, אַז דער קול שופר וואָס ער הערט, איז דער שופר של משיח, און אַז די אידן האָבן שוין תשובה געטוהן. קומט אויס אַז דער שטן גלייבט אַז דו ביזט בכח תשובה צו טוהן, נאָר דו אַליין גלייבסט נישט אַז דו ביזט בכח אָפּצומעקן דיין גאַנצן עבר, און זיך באַנייען אין עבודת ה׳.

**דאָס** איז אויך מרומז אין פסוק (שמות לד, יז) 'אלהי מסכה לא תעשה לך'. א 'מסכה' איז אַ שטיקל אייזן וואָס מ'מאַכט מיט אַ געשטאַלט. אויב א מענטש טוט זיך צוגלייכן צו אַ געשטאַלט וואָס מ'קען עס נישט טוישן (דורך אפמאכן ביי זיך אז ער קען זיך שוין מער נישט פארבעסערן), ווערט דאָס גערעכנט פאַר אַן עבודה זרה, ווייל יעדער מענטש האָט דעם כח זיך צו שטאַרקן און באַנייען, ווי געזאָגט - 'אין לך דבר העומד בפני התשובה'[ט].

**אין** דער היינטיגער פרשה לייענען מיר אויך, (יז, טו): 'שום תשים עליך מלך'.

---

**ט.** ס'איז באַקאַנט וואָס דער הייליגער אריז"ל זי"ע שרייבט ('שער רוח הקודש', יחוד י"ו), אַז דער פסוק (ישעיהו מג, טז) **'הנותן בים דרך'**, גייט אַרויף אויף די תשובה אין חודש אלול. דער אויבערשטער גיט אונז דעמאָלס אַ 'וועג' תשובה צו טוהן פאַר אים.

זאָגן די בעלי הרמז, וועגן די שייכות פון תשובה אין חודש אלול צו אַ וועג אויפ'ן 'ים'. פונקט ווי ווען אַ שיף פאָרט אויפ'ן ים, דערקענט מען שפּעטער נישט קיין צייכן אויפ'ן וואַסער אַז אַ שיף איז אַמאָל דאָרט אַדורכגעפאָרן. מ'זעט נישט אויפ'ן ים אַפילו דעם קלענסטן קריץ. אַזוי איז עס מיט'ן בעל תשובה. **נאָך דעם ווי ער טוט תשובה צום באַשעפער מיט'ן גאַנצן האַרץ, דערקענט מען נישט אויף זיין נשמה אַז ער האָט אַמאָל געזינדיגט.** עס בלייבט נישט איבער דער קלענסטער רושם אויפ'ן מענטש.

אויב דער כח פון תשובה איז אַזוי שטאַרק אַ גאַנץ יאָר, איז דאָך עס אַוודאי און אַוודאי גאָר שטאַרק אין חודש אלול - דער חודש הרחמים והרצון, ווי צדיקים האבן געזאָגט אַ רמז אין דעם וואָס עס שרייבט דער 'ספר יצירה' (פ"ה, מ"ח) אַז אין חודש אלול קען יעדער מענטש איבערלאָזן זיין גאַנצן עבר, און ער ווערט אַזוי ווי איינער וואָס האָט קיינמאָל נישט געזינדיגט, ענליך צו אַ שטיק פעלד וואָס איז קיינמאָל נישט באַאַקערט געוואָרן, וואָס ווערט גערופן אין דער גמרא (ע"ז לב.) 'קרקע בתולה'.

אויך ווערט געברענגט אַ רמז אויף די ווערטער 'הנותן בים דרך', ווען עס פאָרט אַן קאר אויף דער יבשה פון איין אָרט צום אַנדערן, איז אויב דער דרייווער וועט האָבן אַ טעות און ער וועט אָפּנייגן פון זיין ריכטונג, 'פאַרפאָרן' אויפ'ן וועג, קען ער זיך נישט באַלד אויסדרייען און צוריק אַרויפפאָרן אויפ'ן גראָדן וועג, ווייל ער וועט אַריינקראַכן אין אַנדערע קאַרס ח"ו. ער דארף פאָרן ווייטער, ביז ער וועט אָנקומען צו אַ 'פרשת דרכים', וואו ער קען זיך אויסדרייען און צוריקפאָרן. אָבער אַ שיף וואָס בלאָנדזשעט איבער'ן ים, קען זיך באַלד אויסדרייען פון מזרח צו מערב, און זי שטייט שוין אויפ'ן גוטן וועג... דאָס זעלבע איז מיט תשובה. **'הנותן בים דרך' - אין אַ סעקונדע, קען דער מענטש וואָס האָט געזינדיגט זיך אויסדרייען, און ער שטייט שוין אויפ'ן דרך הישר!**

זאָגן די ספרים, אַז דאָס איז מרמז אויף 'עול מלכות שמים', אַז יעדער איד דאַרף נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים אין יעדער צייט. און עס שטייט אַ דאָפּלט לשון, 'שום תשים', וואָס חז"ל זאָגן אין עטליכע ערטער אַז איבעראל וואו עס שטייט אין פסוק אַ דאָפּלטע לשון מיינט עס אַפילו הונדערט מאָל (אַזוי ווי דער פסוק 'הענק תעניק', וואָס חז"ל דרש'ענען (ב"מ לא.) 'אפילו מאה פעמים', און אַזוי זאָגן חז"ל אויך אויפ'ן פסוק 'נתון תתן לו', און 'השב תשיבם', און ענליכע פסוקים). זאָגט דער פסוק אויך דאָ אַ דאָפּלטן לשון, 'שום תשים עליך מלך' - דו זאָלסט ארויפלייגן אין נעמען אויף דיר דעם 'עול מלכות שמים', 'אפילו מאה פעמים' - אויך אויב דו האָסט שוין געקרוינט דעם אויבערשטען אַלס אַ קעניג, און דו ביסט חלילה דורכגעפאַלן און ווידערגעשפּעניגט קעגן אים 100 מאָל, פונדעסטוועגן, 'שום תשים עליך מלך'!

**קול דודי דופק - די יעצטיגע טעג זענען פיל מיט אהבה און נאָנקייט צום בוכ"ע**

**ס'איז** באַקאַנט וואָס די קדמונים ז"ל שרייבן ('אבודרהם', תפילת ראש השנה, מהר"ח אור זרוע, סי' לב) אַז דאָס וואָרט 'אלול', איז ראשי תיבות א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י, ווייל אין דעם חודש ווערט אַנפּלעקט די גרויסע ליבשאַפט פון דעם אויבערשטן ברוך הוא צו זיינע ליבע אידישע קינדער'.

---

אויך קען מען זאָגן, לויט ווי ס'איז באַקאַנט דער מאמר החכם (געברענגט אין 'אגרות סופרים', פון דעם גאון רבי עקיבא איגר זצ"ל, אגרת ט), טויזנטער שיפן זענען שוין אַריבערגעפאָרן דעם ים, אָבער קיין איינע פון זיי האָט נאָך נישט אויסגעטרעטן אַ וועג פאַר אַנדערע צו קענען דאָרט פאָרן, נאָר יעדע שיף וואָס וויל פאָרן איבער'ן ים דאַרף זיך אַרויסלאָזן אויפ'ן וועג אין ים, און זיך אַליין אויסאַרבעטן אַ וועג. אויך אויב די שיף וועט האָבן אַסאַך שטערונגען, אַזוי ווי ים-כוואַליעס און דאָס גלייכן, וועט ער זיך קענען שטאַרקן איבער אַלע שטערונגען, ביז ער וועט צום סוף אָנקומען צום ציל.

**י.** דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון הרה"ק רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט, אַז **ער וויל נישט נסתלק ווערן פון דער וועלט, ווייל אויף יענער וועלט איז נישט דאָ אַ חודש אלול. און וואָס פאַרא פנים האָט דען דאָס לעבן אָן דעם חודש אלול...** (געברענגט אין ספר 'שרפי קודש')

קען מען זאָגן אַ כוונה אין די הייליגע ווערטער, ווייל דער 'יום הדין' - ראש השנה און יום כיפור - איז שייך אויך אין די עולמות העליונים, אַזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים אַז אויך די נשמות אויפ'ן עולם העליון ווערן דעמאָלס גע'משפט. דאָס איז מרומז אין די ווערטער פון חז"ל 'ספרי חיים וספרי מתים פתוחים

**אַזוי** שרייבט אויך דער אריז"ל (׳שער הפסוקים׳, שיר השירים) אויפ'ן פסוק 'אני לדודי ודודי לי', ראשי תיבות אלו"ל, מרמז צו זיין אַז אין חודש אלול ווערט דער אויבערשטער איבערגעבעטן מיט די אידן, ער ווערט אַזוי ווי אַ 'פעטער' ('דודי')[א], זיי צו דערנעענטערן מיט תשובה[ב], 'והוא קרוב לקוראיו בחודש זה', עכ"ל[ג].

**אַזוי** שרייבט הגה"ק רבי חיים וויטאל זי"ע ('עץ הדעת טוב', דרוש לפרשת ראה, ד"ה 'או ירמוז'), אַז אין חודש אלול ווערט

---

לפניו', 'וכל באי עולם יעברון לפניו כבני מרון'. פונדעסטוועגן, אָבער, **די ליבשאַפט און נאָנטקייט וואָס עס הערשט אין חודש אלול, און די גרויסע סייעתא דשמיא וואָס ווערט נשפע פאַר די וואָס זוכן תשובה צו טוהן, דאָס געפינט מען נישט אין די הימלען.** דעריבער האָט דער רבי ר' שמעלקא געוואָלט איבערבלייבן דאָ, אויף דער וועלט, כדי זוכה צו זיין צום 'ודודי לי'...

**יא.** מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט, וואָס מיר האָבן געהערט פון אַ איד אַ צדיק, אַ משל (וועגן דעם וואָס אלול איז מרומז אין 'אני לדודי ודודי לי'), אויב אַ קינד בעט אינמיטן פרישטאָג פון זיין **טאַטן** ער זאָל אים געבן זיסוואַרג, וועט אים דער טאַטע זיכער נישט געבן, ווייל יעצט איז די צייט צו עסן געזונטע מאכלים וואָס שטאַרקן דעם קערפּער. אָבער אויב דאָס קינד וועט בעטן פון זיין **פעטער** אַ זיסקייט, וועט אים דער פעטער נישט אָנשרייען. פאַרקערט, ער וועט אים געבן מיט אַ ברייטקייט אַלע זיסקייטן וואָס ער גליסט נאָר, כדי אים צופרידנצושטעלן. **דאָס איז די גאַנצע נאַטור פון אַ 'פעטער' - ער געבט און געבט, נישט קוקנדיג אויף דער פלימעניק פאַרדינט עס באמת, אָדער צי ס'איז איז יעצט בכלל די פאַסיגע צייט דערפאַר.**

דאָס זעלבע איז מיט חודש אלול. דעמאָלס ווערט דער אויבערשטער כביכול אַזוי ווי אַ 'פעטער', און ער גיסט אַרויף אויף אידישע קינדער ברכות און השפעות, אַלעס וואָס מיר בעטן פון אים.

על דרך צחות, כאָטש ביי דעם ענין פון **'אני לדודי'** (דאָס מיינט, די התעוררות פון אידישע קינדער צום באַשעפער) איז ליידער דא אַ 'ירידת הדורות', און די רוחניות'דיגע עבודה אין די פריערדיגע דורות איז געווען פיל העכער ווי אין די היינטיגע דורות, אָבער ביי דעם חלק פון **'ודודי לי'**, איז נישט דאָ קיין ירידת הדורות, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא טוישט זיך נישט, ווי דער פסוק זאָגט 'אני ה' לא שניתי'. **די זעלבע אהבה וואָס ער האָט געהאַט צו די פריערדיגע דורות, קומט צוריק און שיינט פונקט אַזוי אויך היינטיגע צייטן, אָן אַ שינוי.**

**יב.** עס שטייט אין ספה"ק 'אגרא דכלה' (פ' וארא, ד"ה 'ולקחתי'), אַז די ראשי תיבות פון די ווערטער **ו**'לקחתי **א**'תכם **ל**'י **ל**'עם (שמות ו, ז) איז 'אלול'. דאָס איז אַ

די פילע רחמים וואָס זענען דאָ אין די טעג פון חודש אלול, קען מען אויך דער אויבערשטער אַ 'ידיד ואוהב' צו דעם מענטש וואָס ער טוט תשובה[יד].

---

רמז, אַז אין חודש אלול נעמט דער אויבערשטער די אידן אַלס זיין פאָלק דורך די תשובה וואָס ווערט נתעורר אין דעם חודש.

**יג.** אַזוי שרייבט אויך דער 'אַלטער' פון קעלם זצ"ל ('כתבי הסבא מקלם', ע' סא), אין אַ בריוו געשריבן מיט'ן דאַטום י' אלול, **'האהוב והנחמד באותו השמים'**, אַזוי ווי דער רמב"ן ז"ל שרייבט, אַז דער מזל פונעם חודש איז 'בתולה', וואָס דאָס ווייזט אויף דער ליבשאַפט פון דעם אויבערשטען, צו כנסת ישראל. **דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבן דעם חודש פאַר זיי, זיי זאָלן קענען צוגרייטן זייער האַרץ צו זייער פאָטער אין הימל**, און ער האָט צוגעלייגט ליבשאַפט צו זייער ליבשאַפט ווען זיי פרובירן זיך דערנענטערן צו אים ברוך הוא.

**יד.** עס ווערט געברענגט (אין ספר 'אני לדודי'), אַ מורא'דיגע מעשה וואָס דער משגיח, הגה"צ רבי שלמה וואלבה זצ"ל האָט דערציילט, וועגן דעם וואָס עס האָט פאַסירט אין זיינע יונגע יאָרן, ווען ער האָט געלערנט אין דער מירער ישיבה (פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה, ווען די ישיבה האָט זיך נאָך געפונען אין שטעטל מיר). נאָכ'ן דאַווענען שחרית ראש חודש אלול, איז רבי שלמה צוריקגעגאַנגען צו זיין אכסניא, האָט ער באַגעגנט זיין בעה"ב, וועלכער איז פונקט דעמאָלס צוריקגעקומען פון דאַווענען, ער איז געווען טיף פאַרטראַכט מיט אַן 'אלול'דיגע' צורה, און די אָנגעצויגנקייט און פחד איז געווען קלאָר אויסגעגאָסן אויף זיין פנים. אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז די באַלעבאָסטע אָנגעקומען מיט שפייז וואָס זי האָט פונקט געקויפט אין מאַרק. ווען זי האָט אַראָפּגעלייגט אַ געזאַלצענע פיש אויפ'ן טיש, האָט דער מאַן איר געפרעגט וויפיל דער פיש האָט געקאָסט. זי האָט אים געענטפערט וויפיל זי האָט געצאָלט דערפאַר, און פאַר איר מאַן האָט עס אויסגעזען ווי זי האָט געצאָלט אַ צו-הויכן פרייז. האָט ער אָנגעהויבן שרייען אויף איר מיט גרויסע קולות, ביז זי איז פשוט געפאַלן חלשות אויף דער ערד פון גרויס שרעק און בושה.

פלעגט דער משגיח זאָגן: 'איך בין זיכער, אַז אויב עס וואָלט נישט געווען חודש אלול, וואָלט דער מאַן נישט געוואָרן אַזוי 'צעקאָכט', און געשריגן אויף איר מיט אַזעלכע קולות. נאָר וואָס דען, די דאגה, די אָנגעצויגנקייט און די נערוון האָבן גורם געווען ער זאָל פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט, און ער זאָל זיך נישט קענען איינהאַלטן.

**באמת, זענען דאָ מענטשן וואָס דער פחד פון יום הדין טוט זיי אַריבערפירן 'על דעתם', און איז גורם אַז זיי זאָלן אויך עובר זיין ח"ו 'על דעת קונם'... נאָך מער, עס זענען דאָ מענטשן וואָס פון גרויס דרוק און אָנגעצויגנקייט, ווילן זיי שוין האַלטן ביי**

'מוצאי שמחת תורה' הבעל"ט, נאָך אַלע ימים 'נוראים'... **דאָס איז אָבער נאָר דערפאַר ווייל זיי ווייסן נישט און פאַרשטייען נישט אַז חודש אלול איז אַ גוטע מתנה וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר אידישע קינדער, געהויבענע און גליקליכע טעג. עס איז אַ וואונדערליכער און זיסער זמן, אויף וועלכן די נשמה וואַרט שוין אַ גאַנץ יאָר, ווען וועל איך שוין זוכה זיין דערצו** (און אויב דער 'גוף' וואַרט אויף זוממער חדשים, כדי זיך אָפּצורוהען אַביסל פון דער שווערער אַרבעט... איז דאָך אַ 'קל וחומר, בן בנו של קל וחומר', אַז די הייליגע נשמה פון יעדן איד וואַרט שוין אומגעדולדיג עס זאָל קומען דער חודש אלול, כדי מ'זאָל זיך קענען 'אָפּרוהען' פון דער גאַנצער האָרעוואַניע אַ גאַנץ יאָר...).

אַזוי שרייבט הגה"צ רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל, משגיח פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, אין אַ בריוו (ענדע חודש אב) אַז **עס קומען שוין די 'גליקליכע טעג'...** ער ברענגט דאָרט דעם דערמאנטן בריוו פון דעם 'אַלטן' פון קעלם זצ"ל, י' אלול, אַז חודש אלול איז באַליבט און זיס 'באותות השמים'...

אויף אַן אַנדער אָרט ברענגט רבי יחזקאל לעווינשטיין ('אור יחזקאל', ע' רצז), אַז דער גאון רבי יצחק בלאָזער זצ"ל האָט אַמאָל ערב ראש חודש אלול גע'דרש'נט אין שול, און ער האָט אויפגעעפענט דעם ארון הקודש און געזאָגט פאַר די ספרי תורה, פאַר די אויגן פון גאַנצן פאַרזאַמלטן עולם, מיט אַ געוויין: **'באַשעפער, איך דאַנק דיר און לויב דיר פאַר דעם וואָס דו האָסט אונז געגעבן דעם היינטיגן חודש אלול. רבונו של עולם, מיר נעמען אָן דעם חודש אלול מיט ליבשאַפט און מיט שמחה'**. בשעת מעשה, האָט דער גאַנצער עולם אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרקן געוויין.

דאָס איז דערפאַר ווייל, ווי געזאָגט, איז נישט פאַרהאַן אויף דער וועלט אַ גרעסערע שמחה און פאַרגעניגן ווי דער תענוג וואָס אַ אידישע נשמה האָט ווען זי איז זוכה תשובה צו טוהן צום באַשעפער. דער גרעסטער גליק איז דער געפיל פון 'דודי לי' - די נאָנטקייט פון באַשעפער און זיין גרויסע ליבשאַפט פאַר זיינע ליבע קינדער, וואָס ווערט נתעורר אין חודש אלול מיט אַ שטאַרקן כח. **ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערע שמחה ווי די געלעגנהייט וואָס מ'גיט אונז, צו קענען 'ערלעדיגן' פאַר זיך אַ גוט זיס יאָר, אמן.**

אַוודאי דאַרף מען מרבה זיין מיט יראת שמים אין חודש אלול, אָבער **וועגן זיין בעצבות ח"ו, טאָר מען נישט אַפילו טראַכטן דערפון**, ווי עס שרייבט דער 'תנא דבי אליהו' (רבה, פ"ג) 'יראתי מתוך שמחה, ושמחתי מתוך יראתי' - מיין יראה קומט פון שמחה, און מיין שמחה קומט פון יראה, ווייל **יראה און שמחה גייען צוזאַמען.**

דעם חיוב צו זיין פריילין אין חודש אלול, זעט מען בפירוש אין די פסוקים (תהלים צו, יא-יג) '**ישמחו** השמים **ותגל** הארץ, ירעם הים ומלואו, **יעלוז** שדי וכל אשר בו, אז ירננו כל עצי יער, לפני ה' כי בא, **כי בא לשפוט את הארץ**'. זעט מען פון דעם, אַז

נאך איידער עס קומט דער משפט פון דער וועלט, זענען אַלע וועלטן - הימל און ערד - פול מיט שמחה. פון דעם לערנען מיר אַרויס דעם חיוב פון שמחה אין חודש אלול, וואָס איז די הכנה צו חודש תשרי...

דער ווילנער גאון זי"ע שרייבט ('אורות הגר"א', ערך שמחה, אות ו, ע' רמא), 'עצבות איז א פעלער, און איינער וואָס האָט אַ פעלער, טאָר נישט צוגיין נאָענט צום בית המקדש. וועגן דעם, ווען אַ מענטש גייט אַריין אינעם בית המקדש, מוז ער זיין פרייליך'. די דאָזיגע ווערטער זענען נישט געזאָגט געווארן בלויז פאַר איינעם וואס גייט ממש אַריין אינעם בית המקדש, נאָר עס גייט אַרויף אויף אַלע ענינים פון קדושה. עס איז פשוט אוממעגליך צוצוגיין צו הייליגע זאַכן און אנהייבן דינען דעם אויבערשטען אויב מ'איז נישט בשמחה, ווייל 'אשר מום בו לו יקרב'...

פון דעם לערנען מיר אויך לגבי חודש אלול, אַז מ'קען נישט צוקומען נאָנט צו די הייליגע טעג און אָנהייבן דינען דעם אויבערשטען אויב מ'איז נישט פרייליך, ווי מ'זעט אין פרשת ראה, ווען עס הייבט זיך אָן יעדעס יאָר חודש אלול, אַז עס ווערט דערמאַנט אין דער פרשה מערערע מאָל דער ענין פון שמחה, אונז צו לערנען, אַז **אין חודש אלול הבעל"ט, איז מען מחויב צו זיין בשמחה, מער ווי אַ גאַנץ יאָר.**

**אדרבה, די גאַנצע עבודה פון חודש אלול איז צו זיין פרייליך**, ווי די ספרים זאָגן, אלו"ל איז ראשי תיבות ל'עבעדיג א'ון ו'וייטער ל'עבעדיג... ווייל תשובה דאַרף מען טוהן בשמחה, ווי דער 'תפארת שלמה' שרייבט (פ' ויגש, ד"ה 'ועתה', און אַזוי שטייט אויך אין 'דברי שמואל', ע' צה, ועוד) אויפ'ן פסוק 'ועתה אל תעצבו', אַז חז"ל זאָגן (ב"ר פכ"א, ו) אַז דאָס וואָרט **'ועתה'** איז מרמז אויף תשובה, אָבער **'אל תעצבו'**. איר טאָרט נישט זיין צוגעלייגט ווען איר טוט תשובה, נאָר איר דאַרפט זיין בשמחה.

מ'האָט אַמאָל געפרעגט דעם באַקאַנטן חסיד רבי יעקב קאָזשליק זצ"ל (וועלכער איז געקומען פון דער שטאָט זוועהיל אין רוסלאַנד, קיין ירושלים) וואָס ס'איז די פליכט פון אַ איד צו טוהן אין חודש אלול, האָט רבי יעקב געענטפערט: **'מיר דאַרפן זיך גאָר שטאַרק פרייען** (אין חודש אלול), **ווייל מ'האָט באַוויזן צו 'כאַפן דעם גנב'** (מיינענדיג דעם יצר הרע).

ווילן מיר צוגעבן, אַז כאָטש מיר האָבן נאָך ליידער נישט 'געכאַפּט דעם גנב', און ער איז נאָך נישט אין אונזער הענט, אָבער **אויב מיר וועלן זיין בשמחה, וועלן מיר קענען בייקומען דעם יצר הרע...**

חודש אלול, איז אויך אַ צייט פון רחמים, ווי דער ווילנער גאון זי"ע שרייבט (סוד החדשים, ביים סוף פון די ליקוטים אויף ספר יצירה), אַז **'חודש אלול איז בלויז רחמים'.**

האָבן מיר געהערט אַ כוונה אין דעם, ווייל דער מדרש זאָגט (ב"ר פי"ב, טו, געברענגט אין רש"י, בראשית א, א) אַז דער אויבערשטער האָט אין אָנהייב געוואָלט באַשאַפן די

זען פון דעם וואָס דער הייליגער בעל התניא זי"ע וואונדערט זיך און פרעגט, אַז וויבאַלד אין חודש אלול איז דאָ אַ התגלות פון די י"ג מדות של רחמים, אַזוי ווי אין די שבתים און ימים טובים פונעם יאָר, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מען נישט מתקן געווען צו פאַראַווען גאַנץ חודש אלול אַלס אַ יום טוב?

**ענטפערט** דער 'בעל התניא' מיט אַ משל: אַ גרויסער קעניג האָט באַשטימט אַ צייט ווען ער וועט אָנקומען מיט אַ באַזוך אין שטאָט. כל זמן דער קעניג איז אונטערוועגנס, איז יעדער איינער אימשטאַנד צוצוקומען צום קעניג. ער נעמט אויף יעדן איינעם בסבר פנים יפות, און ער ווייזט אַרויס אַ פריינטליך פנים צו אַלע מענטשן. אָבער שפּעטער, ווען ער גייט צוריק אַריין אין זיין פּאַלאַץ, ווערן פאַרמאַכט די טויערן פונעם פּאַלאַץ, און נישט יעדער איינער האָט רשות אַריינצוקומען 'לפני ולפנים', מקבל פנים

וועלט מיט די מדה פון דין, אָבער ווען ער האָט געזען אַז די וועלט קען נישט האָבן אַ קיום בלויז מיט מדת הדין, האָט ער מקדים געווען מדת הרחמים און עס צוגעשטעלט אַלס אַ שותף צו מדת הדין. קומט אויס, אַז דער קיום פון דער וועלט איז דורך אַ שיתוף פון דין און רחמים צוזאַמען. דאָס אַלעס איז אָבער נאָר אַ גאַנץ יאָר, אָבער חודש אלול איז 'כולו רחמים'. עס איז נישט דאָ אין דעם חודש בכלל אַ שיתוף פון מדת הדין. דעמאָלס פירט דער אויבערשטער די וועלט מיט אַ הנהגה וואָס איז בלויז רחמים.

### מן הבאר

מ'פירט זיך אַכטונג צו געבן אַ גאַנץ יאָר נישט צו זאָגן 'מקרא' (פסוקים פון תנ"ך) ביינאַכט. אין דעם איז אויך אַריינגערעכנט דאָס זאָגן תהלים (אַז מ'זאָגט נישט תהלים אין די נאַכט-שעה'ן), ווי עס שרייבט דער אר"י הקדוש זי"ע ('שער המצוות', פ' ואתחנן). פונדעסטוועגן, האָט געזאָגט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע ('אמרי פינחס החדש', חודש אלול, אות תכז) **אַז אין חודש אלול מעג מען יאָ זאָגן תהלים ביינאַכט.**

קען מען זאָגן אַ טעם דערפאַר פאַרוואָס חודש אלול מעג מען זאָגן תהלים ביינאַכט, ווייל דער טעם פאַרוואָס מ'זאָגט נישט תהלים ביינאַכט, איז ווייל ביינאַכט זענען דאָ דינים ח"ו, אָבער ווי געזאָגט, איז דאָך חודש אלול 'כולו רחמים ורצון', ממילא, מעג מען דעמאָלס זאָגן תהלים אויך אין די שעה'ן פון דער נאַכט.

צו זיין דעם קעניג. די איינציגע מענטשן וואָס ווערן ערלויבט אַריינצוקומען אין פּאַלאַץ זענען די וויכטיגע מיניסטאָרן פון דער מלוכה, און אויך זיי קענען נישט אַריינקומען נאָר אויב דער קעניג באַשטימט פאַר זיי פריער אַ צייט און ער גיט זיי רשות אַריינצוקומען אין זיין פּאַלאַץ.

**דאָס** זעלבע איז מיט חודש אלול, ווען עס איז 'מלך בשדה' - דער קעניג געפינט זיך 'אין פעלד'. מיר גייען ארויס אויפנעמען דעם אויבערשטן ברוך הוא כביכול ווען ער געפינט זיך אויפ'ן פעלד, ער האָט זיך נאָך נישט אַוועקגעזעצט אויפ'ן כסא של דין, דעמאָלס קען יעדער איד פועל'ן ביי דעם אויבערשטן אַלעס וואָס ער בעט.

**דער** הייליגער בעל 'הפלאה' זי"ע שרייבט אין 'פנים יפות' (פ' אחרי, בא"ד 'ביד איש עתי'), חז"ל (ר"ה יח.) דרש'ענען אויפ'ן פסוק (ישעיהו נה, ו) 'דרשו ה' בהמצאו', אַז דאָס גייט אַרויף אויף די טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור. ס'איז אָבער דאָ אַ מער געהויבענער זמן, און דאָס איז חודש אלול[טו], וואָס אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'קראוהו בהיותו קרוב'. דעמאָלס איז די 'קירבה' נאָך גרעסער ווי דער מהות פון 'בהמצאו'.

---

**טו.** דער צאַנזער רב הרה"ק בעל 'דברי חיים' זי"ע, פירט אויס אַ תשובה וואָס ער האָט געשריבן 'אלול תרי"ז' (שאלות ותשובות 'דברי חיים', יורה דעה, ח"א, סי' לג), בזה הלשון: **'ולפלפולי בעלמא** (אף בדברי תורה) **אין הזמן גורם'** - יעצט איז נישט די צייט פאַר סתם פלפולים, ווייל מ'דאַרף **'לבדוק חדרי משכיות לבב בימים נוראים הללו'** - נאָכקוקן אַלע צימערלעך אין האַרצן, אין די יעצטיגע פאָרכטיגע טעג.

דער הייליגער בעל 'הפלאה' זי"ע שרייבט אין ספה"ק 'פנים יפות' (פ' אחרי, ד"ה 'ביד'), אַז **אין חודש אלול, איז יעדע שעה אַזוי ווי אַ טאָג.**

נאָך מער שרייבט דער גאון בעל 'בן איש חי' זי"ע, אין אַ בריוו, 'איך האָב דיר דאָך געשריבן **אין חודש אלול, וואָס יעדע סעקונדע אין דעם חודש, איז ביי מיר אַזוי ווי אַ חודש אין משך פונעם יאָר'.**

מ'דערציילט, אַז אַ שוועסטער פון הרה"ק רבי וועלוועלע זשיטאָמירער זי"ע, בעל 'אור המאיר', האָט חתונה געמאַכט אַ קינד אין חודש אלול. זי האָט שטאַרק געבעטן איר ברודער, דער 'אור המאיר', צו קומען און באַשיינען איר שמחה. דער 'אור המאיר', האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרברענגען אַפילו אַ סעקונדע אין דעם חודש, און דערפאַר האָט ער אָפּגעזאָגט איר בקשה. ווען זי האָט אים אָבער גאָר שטאַרק מפציר געווען, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, איך וועל זיך אַרויסלאָזן אויפ'ן וועג, און פון הימל וועט מען מיר שוין אָנווייזן צי ס'זאָל זיך גיין אָדער נישט.

אַזוי זאָגט דער מדרש (ילקוט, הושע, יד) 'שובה ישראל עד ה' אלקיך - עד שהוא ברחמים'. זאָגט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (דרשות, דרוש לפ' נצבים דף צה) אַז דער נביא הושע מיינט צו זאָגן פאַר די אידן זיי זאָלן תשובה טוהן אין

---

פאָרנדיג אויפ'ן וועג צו דער חתונה פון זיין שוועסטער'ס קינד, האָט דער 'אור המאיר' באַמערקט ווי אַ גוי שטייט און שלאָגט אַ צווייטן גוי מיט שרעקליכע קלעפּ. האָט דער 'אור המאיר' געפרעגט דעם גוי, פאַרוואָס ער שלאָגט אַזוי זיין חבר. האָט דער גוי אים געענטפערט: דאָס איז מיין טאַטע, און ער 'פאַרדינט' זיך די קלעפּ גאָר 'ערליך', ווייל איך האָב אָפּגעשמועסט מיט אים, אַז היינטיגן חודש, וואָס איז די צייט ווען מ'זייעט איין אין די פעלדער, זאָל ער היטן מיינע קליינע קינדער, כדי איך זאָל קענען אַרבעטן ווי געהעריג אויפ'ן פעלד. פאַקטיש, אָבער, שלאָפט ער אָבער גאָר אַסאַך און ער גיט זיך נישט אָפּ מיט מיינע קינדער, און צוליב אים וועלן מיר נישט האָבן צו עסן אַ גאַנץ יאָר.

ווען דער 'אור המאיר' האָט געהערט די דאָזיגע ווערטער פונעם גוי, האָט ער ביי זיך געטראַכט: פון הימל האָט מען מיך געשיקט איך זאָל צוזען די דאָזיגע מראה, כדי איך זאָל מיך אַראָפּלערנען **אַז יעדער איינער וואָס מאַכט זיך 'הנחות' אין דעם חודש, ער ניצט נישט אויס די צייט געהעריג, וועט אים פעלן אין משך פון גאַנצן קומענדיגן יאָר.** ער האָט אַלזאָ צוריקגעדרייט און איז צוריקגעפאָרן אַהיים, ווייטער עוסק צו זיין אין תורה און עבודת ה'.

הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט דערציילט ('תורת אבות', חודש אלול), אַז הרה"ק רבי מרדכי לעכעוויטשער זי"ע איז אַמאָל אין חודש אלול, געפאָרן אויפ'ן וועג, און איז אָנגעקומען אין אַ קרעטשמע, כדי דאָס פערדל זאָל זיך קענען אָפּרוען. דאָרט האָט ער געהערט עטליכע גוים זיצן און שמועסן, און איינער האָט געזאָגט פאַר'ן צווייטן, **'דער וואָס אַרבעט נישט גוט אין דעם חודש, וועט נישט האָבן וואָס צו עסן אַ גאַנץ יאָר'**. האָט דער לעכעוויטשער זי"ע צוגערופן זיינע מענטשן, און זיי געזאָגט: 'הערט נאָר וואָס דער גוי זאָגט'...

ענליך האָט געזאָגט דער משגיח פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, הגה"צ רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל, אַז די טעג פון אלול זענען 'ימי זריעה' - טעג פון איינזייען אויפ'ן פעלד. פונקט אַזוי ווי ווען מ'טוט איינזייען דאָס פעלד, איינער וואָס זייעט נישט, איז אפילו אויב ער איז אַן 'אונס', וועט ער נישט האָבן וואָס צו עסן... אַזוי איז מיט חודש אלול, אויב מ'גרייט זיך ריכטיג אין חודש אלול צום נייעם יאָר הבא עלינו לטובה, האָט מען בריווח צו עסן אין משך פון קומענדיגן יאָר הבעל"ט. (געברענגט אין קונטרס 'ימי רצון')

די טעג פון חודש אלול איידער עס קומען אָן די טעג פון דין.

**אויף אַן אַנדער אָרט** שרייבט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (דרשות, ב.) אויפ'ן פסוק (תהלים צח, ו) 'בחצוצרות וקול שופר הריעו לפני המלך ה''. דער פסוק וואָלט לכאורה געדאַרפט זאָגן 'בקול חצוצרות ושופר', אָדער 'בחצוצרות ושופר'. פאַרוואָס דערמאָנט ער דאָס וואָרט 'קול', נאָר ביי שופר?

**ענטפערט** דער 'חתם סופר', אַז 'חצוצרות' איז אַ רמז אויף די תעניתים, וואָס אין אַ תענית האָט מען געבלאָזן מיט טרומפייטערן און נישט מיט אַ שופר (ר"ה כו:), און דער קול שופר איז מרמז אויף אַ געוויין, אַזוי ווי דער קול פונעם שופר, וואָס איז אַ בחינה פון 'גנוחי גנח וילולי יליל' (ר"ה לד.). און אויף דעם זאָגט דער פסוק, אַז מ'זאָל קומען צום באַשעפער מיט פאַסטן[טז] און מיט וויינען, 'לפני המלך ה'' - פאַר ראש השנה, אין חודש אלול זאָל מען פאַסטן און וויינען, ווייל עס איז טעג פון רצון.

מ'דאַרף וויסן אַז אין די יעצטיגע טעג ווערט די תשובה אַסאַך לייכטער אָנגענומען, און אויב דער מענטש איז

---

**טז.** אַוודאי לעבן מיר היינט אין שוואַכע דורות, און מיר זענען נישט בכח צו פאַסטן, אָבער **מ'קען דאָך מקיים זיין דעם ענין פון 'פאַסטן', דורך דערוויטערן זיך פון תאוות צו וועלכע אונזער האַרץ גליסט**, ווי אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האָט געזאָגט אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (יח, יד) 'ואתה לא כן נתן לך ה' אלוקיך', לויט ווי זיין עלטער-זיידע, הרה"ק רבי אלעזר מענדל זי"ע פון לעלוב האָט געזאָגט, אויף די ווערטער פון חז"ל (שבת סג.) הקדוש ברוך הוא גוזר וצדיק מבטל, און אַזוי אויך פאַרקערט, 'צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים'. דער אויבערשטער איז מקיים און ער טוט אַלעס וואָס דער צדיק הייסט אים טוהן (גוטע גזירות אויף אידן), אַזוי ווי דער פסוק זאָגט 'ותגזר אומר ויקם לך' (זע שבת נט:). קומט אויס, אַז דער צדיק איז אין אַ בחינה אַז ער קען זאָגן **'לא כן'** צום באַשעפער ברוך הוא, און בטל מאַכן אַ גזירה. דאָס איז די כוונה פון פסוק, 'ואתה **לא כן** נתן לך ה' אלוקיך'. דאָס מיינט, דער אויבערשטער שטעלט אַוועק די צדיקים וואָס זיי זענען אין דער בחינה פון 'לא כן', צו זאָגן 'ניין' אויף אַ גזירה פון באַשעפער (און דאָס זעלבע פאַרקערט).

האָט אויף דעם צוגעלייגט אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי זי"ע, **אַז ווען אַ איד זאָגט 'לא כן' צו די תאוות פון זיין גוף, ער טוט אונטערטעניגן זיין יצר הרע, אַזאַ איינער קען צוקומען צו די מדריגה פון 'לא כן', צו זיין אין דער בחינה פון 'צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים', און אויך פאַרקערט, 'הקדוש ברוך הוא גוזר וצדיק מבטל'!**

מקיים ביי זיך 'ומלתם את ערלת לבבכם', איז ער זוכה אַז דער אויבערשטער זאָל צוענדיגן פאַר אים, אַזוי ווי עס שרייבט דער 'בעל הטורים' (פ' נצבים, ד"ה 'את לבבך'), אויפ'ן פסוק (דברים ל, ו) 'ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך'. א'ת ל'בבך ו'את ל'בב, איז ראשי תיבות 'אלול'. מיר בעטן דעם אויבערשטען, עס זאָל מקוים ווערן ביי אונז דער 'אני לדודי ודודי לי', און מיר אַלע זאָלן זוכה זיין להכתב ולהחתם בכתיבה וחתימה טובה לאלתר לחיים טובים ולשלום.

# שופטים ושוטרים תתן לך

הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע שרייבט אין זיין הייליגן ספר (קל: ד"ה 'התחיל'), אַז **דער עיקר דאַרף יעדער איינער ממשיך זיין אויף זיך יראת שמים אין די יעצטיגע טעג, 'באיזה אופן שיהי'**, ווייל חז"ל זאָגן, 'כשיש דין למטה, אין דין למעלה'.

ביי דעם 'בית אהרן' זי"ע, האָט טאַקע אַמאָל פּאַסירט (איך האָב געהערט די מעשה מערערע מאָל פון כ"ק אאמו"ר מלעלוב זי"ע), אַז ער האָט אַמאָל אַריינגערופן צוויי יונגעלייט און זיי געזאָגט: אין הייליגן ספר 'ראשית חכמה' איז דאָ דער 'שער הגיהנום', בעט איך פון אייך, אַז אין משך פון די קומענדיגע דריי חדשים, זאָלט איר יעדן טאָג לערנען דעם 'שער הגיהנום', און צוריקקומען צו מיר נאָך דריי חדשים (ווי באַקאַנט, נעמט אַרום אַ ציטער יעדן איינעם וואָס לערנען דעם דאָזיגן 'שער', וואו עס ווערט געשילדערט אַלעס וואָס עס קומט פאָר אויבן אין גיהנום).

דריי חדשים שפּעטער, זענען די צוויי יונגעלייט צוריקגעקומען צום 'בית אהרן'. דער ערשטער, איז געווען איינער מיט אַ 'כובד ראש', וואָס האָט אייביג מורא געהאַט פאַר אַן עבירה, און ווען דער 'בית אהרן' האָט אים יעצט געפרעגט, נו, וואָס האָסטו דאָרט געלערנט אין 'ראשית חכמה', האָט ער געענטפערט: 'איך בין דערשראָקן געוואָרן. עס האָט מיך ממש אָנגעכאַפּט אַ גרויסער פחד'. האָט דער רבי אים באַרואיגט און אים געזאָגט: **'אין הימל זיצט דער באַשעפער, וואָס ער איז דער אב הרחמים'...**

דערנאָך האָט דער צווייטער יונגערמאַן, וועלכער איז געווען מער 'לייכטזיניג', ווי מ'זאָגט, געפרעגט דעם ערשטן, נו, וואָס האָט דער רבי דיר געזאָגט, האָט דער ערשטער יונגערמאַן אים געענטפערט 'דברים כהווייתן', וואָס דער 'בית אהרן' האָט אים געזאָגט. דעריבער, ווען דער צווייטער יונגערמאַן איז אַריינגעקומען און דער 'בית אהרן' האָט אים געפרעגט וואָס ער האָט דאָרט געלערנט אין 'ראשית חכמה', האָט ער געענטפערט מיט אַ קאַלטער שטימע וואָס ער האָט געלערנט (עס איז געווען קענטיג אויף זיין פנים, אַז ער האָט געזאָגט דעם פסוק 'הנה א-ל ישועתי אבטח ולא אפחד'...). האָט דער רבי, דער 'בית אהרן', אים געזאָגט:

**- ניין, ניין! נאָר אַלעס וואָס דו האָסט דאָרט געזען, איז נישט מער ווי אַ משל צו דעם וואָס טוט זיך דאָרטן באמת אָפּ... אין הימל איז צוגעגרייט פאַר דעם בעל עבירה, נאָך פיל מער ווי דאָרט שטייט געשריבן.**

דאַן איז אַריינגעגאַנגען אַ דריטער יונגערמאַן צום 'בית אהרן', און אים געפרעגט: ילמדינו רבינו, **וואָס איז טאַקע דער אמת**, איז דאָרטן אין הימל דער 'אב הרחמים', און דער עונש איז נישט אַזוי האַרב, אָדער איז עס ווי דער רבי האָט געזאָגט צו דעם צווייטן יונגערמאַן? האָט דער 'בית אהרן' אים געענטפערט:

- 'אלו ואלו דברי אלוקים חיים'. דער וואָס נעמט עס אָן כפשוטו, דאָס הייסט, ער איז מקיים דעם 'יש דין למטה', דאַן איז 'אין דין למעלה', באַגייט מען זיך מיט אים מיט די מדה פון רחמנות, אָבער דער מענטש וואָס איז מזלזל דערין, ער קוקט עס אָן לייכט, איז ח"ו...

דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן די טעג פון חודש אלול. דער וואָס נעמט עס אָן 'כפשוטו', ווערט געראַטעוועט פונעם דין, און מ'פירט זיך מיט אים פון הימל מיט חסד און רחמים, און ער ווערט פאַרשריבן און פאַר'חתמ'עט לחיים טובים ולשלום.

אַזוי פלעגט הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנימער זי"ע זאָגן צו די אַלע וואָס האָבן גאָר שטאַרק מורא געהאַט, אַז **אין הימל זיצן נישט אַ 'חברה גזלנים', נאָר דער 'אב הרחמים', אונזער דעבאַרימדיגער פאָטער געפינט זיך דאָרט, און מיר דאַרפן זיך פאַרלאָזן אויף אים אַז ער וועט ראַטעווען זיינע קינדער פונעם דין.**